LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפֿטן




נומער לכּבֿוד
ראש-השנה

קלמן פּאָלגער:
די וועלט פֿון
שלום-עליכם

Kalman POLGER :
(ISRAËL)
*Le Monde de Sholem Aleikhem*

**n° 128/129** SPECIAL ROCH-HACHANA 5769 - 2008/2009

**SEPTEMBRE/OCTOBRE 2008** סעפּטעמבער/אָקטאָבער

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation Mémoire de la Shoah

# אינטערוויו פֿון גידעון באַלאָטאָווסקי,

דורך **מאַקס קאָהן**, פּסיכאָאַנאַליטיקער
און פּראָפֿעסאָר אין אוניווערסיטעט-פּאַריז 7



**מ.ק.** : גידעון באַלאָטאָווסקי, ווער זענט איר ?

**ג.ב.** : איך בין אַ ייִד פֿון פֿינלאַנד .

**מ.ק.** : איר זענט געווען דער דיריגענט פֿון דער פֿינלאַנדישער קהילה, יאָ?

**ג.ב.** : איך בין געווען דער פּאָרזיצער אין דער ייִדישער קהילה. איצט בין איך שוין ניט. בשעת 18 יאָר בין איך געווען פּאָרזיצער. פּונקט ווי יעקבֿ אָבֿינו האָט געאַרבעט פֿאַר רחל 7 יאָר, און נאָך אַמאָל זיבן יאָר, און נאָך אַ פּאָר יאָר, אַזוי האָב איך געאַרבעט פֿאַר דער קהילה 18 יאָר. און איצט איז גענוג. און כ'האָב געזאָגט : ס'איז גוט אַז מען געדענקט ווען מע דאַרף אַרויסגיין. אָפֿט מאָל איז פֿאַרשפּעטיקט

מ.ק. : איר געדענקט, מיט 2 יאָר צוריק האָבן מיר זיך געטראָפֿן. כ'בין געווען זייער צופֿרידן צו זײַן בײַ אײַך אין שטוב, מיט אײַער פֿרוי, מיט אײַער זון. וויפֿל ייִדן זײַנען דאָ אין העלסינקי?

**ג.ב.** : אין העלסינקי זײַנען דאָ 1500 ייִדן נאָר.

**מ.ק.** : וויפֿל ייִדן רעדן ייִדיש?

**ג.ב.** : איך מיין, אַ הונדערט רעדן נאָך ייִדיש.

**מ.ק.** : ווי אַזוי איז אײַער משפּחה געקומען קיין פֿינלאַנד?

**ג.ב.** : איך בין דאָ געבוירן, די עלטערן זײַנען דאָ געבוירן, די באָבעס און זיידע, דרײַ אויף פֿיר אויך דאָ געבוירן. מײַן טאַטנס טאַטע איז געקומען פֿון ווײַסרוסלאַנד, צו זײַן אַ לערער פֿון העברעיִש פֿאַר אַ ייִדישע שקאָלע. מיר האָבן געגרינדעט די ייִדישע שקאָלע אין 1918. פֿריִער, בײַ אונדז איז ייִדיש קיינמאָל ניט געווען אויפֿן קוריקולום, זאָנדערן גלײַך פֿון אָנפֿאַנג אָן העברעיִש. ער איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אונדזער ערשטן לערער אויף העברעיִש.

**מ.ק.** : ווי אַלט זענט איר?

**ג.ב.** : איך בין 60 יאָר אַלט .

**מ.ק.** : און וואָס מיינט איר פֿון דער סיטואַציע פֿון ייִדיש הײַנט אין העלסינקי, אין פֿינלאַנד, ווי זעט איר די צוקונפֿט דאָרט?

**ג.ב.** : נו, ס'אַ זייער אַן אינטערעסאַנטע קשיא. כ'האָב זיך געטראָפֿן מיט אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אַמעריקע. ער איז געבוירן געוואָרן אין עסטלאַנד, אַ צענדליק קילאָמעטער פֿון דאַנען, אין טאַלין. און ער איז געווען דאָ אַ יונגער בחור, פֿאַר דער מילחמה, אין 1935, האָט יעמאַנד דעמאָלט אים געזאָגט : "נאָך 50 יאָר וועט מער ניט זײַן קיין ייִדן אין פֿינלאַנד." איז ער טאַקע געקומען 50 יאָר שפּעטער צוריק, אַלס אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אַן אַמעריקאַנישער אוניווערסיטעט, האָט ער מיר דערציילט די מעשׂה, האָב איך אים געזאָגט : "איר זאָלט ניט לעבן ביז 120 ( ער איז שוין געווען 70 ), איר זאָלט לעבן ביז 150, און קומען צוריק, און ס'וועלן דאָ זײַן ייִדן.

**מ.ק.** : איר ווייסט, כ'האָב אײַנגעלאַדן אין די "בני ברית" אין פּאַריז דעם פּראָפֿעסאָר חיים-ווידאַל ספּיחה, אַ ספּעציאַליסט פֿון דזשודעזמאָ

און פֿון לאַדינאָ, האָב איך אים געווונטשן ביז 120 יאָר. האָט ער מיר געזאָגט: "פֿאַרוואָס ביז 120 יאָר? פֿאַרוואָס נישט עפּעס ביז 150"?

**ג.ב.**: אָ, פּונקט געטראָפֿן!

**מ.ק.**: די זעלבע מעשׂה!

**ג.ב.**: זאָגט מיר, אײַער ייִדיש איז אַ ביסל נענטער צו דײַטש ווי יענער.

**מ.ק.**: זיכער! מײַן טאַטע איז דאָך געווען פֿון לאָדזש און מײַן מאַמע פֿון טשענסטעכאָוו!

**ג.ב.**: נו, אַזוי איז דאָס. די פֿינישע ייִדן קומען כמעט אַלע פֿון ליטע. זיי זײַנען געווען סאָלדאַטן צי קאַנטאָניסטן.

**מ.ק.**: יאָ, זייער וויכטיק! אפֿשר קענט איר אונדז דערציילן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם?

**ג.ב.**: פֿינלאַנד איז געווען אַ טייל פֿון טסאַריסטישן רוסלאַנד, האָט מען זיי געשיקט טאַקע אין וולאַדיוואָסטאָק, אין אָסטן, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אין וועסטן, אַזש קיין פֿינלאַנד.

**מ.ק.**: איר רעדט רוסיש אַ ביסל?

**ג.ב.**: זייער וויניק. ווײַל ערשטנס איז מײַן מאַמע-לשון ייִדיש; צווייטנס, אַז איך האָב זיך אַביסל אײַנגעמײַנדעט אין פֿינלאַנד, איז דער לשון פֿון די אַדמיניסטראַציעס געווען שוועדיש. ס'איז געווען לײַכטער פֿאַר די ייִדן צו לערנען שוועדיש ווי פֿיניש. ווײַל פֿיניש איז ווי אונגאַריש, און שוועדיש איז אַ גערמאַנישער לשון, איז געווען לײַכטער. פֿריִער האָט דאָס גרעסטע טייל געקענט נאָר רוסיש. נאָר למשל מײַנע עלטערן האָבן גערעדט נאָר שוועדיש. אָבער צווישן זיך אַליין האָבן זיי גערעדט ייִדיש, טאַקע אַז די קינדער זאָלן ניט פֿאַרשטיין. נאָר מיט זייערע קינדער, נאָר שוועדיש.

**מ.ק.**: איך האָב געלייענט דאָס בוך פֿון סימאָן מויִר, אַ לינגוויסט, כ'האָב זיך געטראָפֿן מיט אים.

**ג.ב.**: ער האָט געמאַכט אַ דאָקטאָראַט וועגן דעם, ער איז ניט קיין ייִד...

**מ.ק.**: אָבער ער קען זיך אינטערעסירן מיט ייִדיש אויך, ס'איז דאָך אַ שפּראַך! איר ווייסט, איך האָב געמאַכט אַן אינטערוויו פֿון לאָרנאַ סמיטה אין מאָנטרעאָל, זי האָט אַ שול וווּ זי אַרבעט ווי אַ לערערין פֿון ייִדיש, ביאַליק-שול, אין מאָנטרעאָל. זי האָט אַ תּלמידה וואָס הייסט זשעסיקאַ שטערן, און די סטודענטקע האָט געזאָגט: "ייִדיש איז ניט קיין שפּראַך, ס'איז אַ וועג צו לעבן".

**ג.ב.**: אַזוי איז דאָס. און אַ לשון וואָס רעדט זיך אַליין.

**מ.ק.**: איר מיינט, דאָס איז נישט בלויז אַ שפּראַך?

**ג.ב.**: ניין, ס'איז נישט נאָר אַ שפּראַך, ס'איז אַ גאַנצע קולטור!

**מ.ק.**: איר מיינט, מע קען עס לערנען?

**ג.ב.**: לערנען קען מען צען! אָבער דער טעם...

**מ.ק.**: דאָס איז וויכטיק. מע קען עס כאַפּן?

**ג.ב.**: אַז די גויים, וואָס זיי לערנען זיך ייִדיש, זייער לאַנגזאַם כאַפּן זיי דעם געשמאַק פֿון דעם טעם. זיי פֿאַרשטייען ייִדישע וויצן, און דערציילן. ס'איז דאָ אַ יאַפּאַנער...

**מ.ק.**: יאָ, כ'ווייס, אַ ספּעציאַליסט פֿון זינגער! ס'איז דאָ אַ קלעזמער-גרופּע דאָרט אין יאַפּאַן, איך האָב עס געלייענט אין "פֿאָרווערטס" פֿון ניו-יאָרק.

**ג.ב.**: און אויך אין העלסינקי זענען דאָ קרײַזן וואָס לערנען ייִדיש! בײַ ד"ר מויִל...

**מ.ק.**: אין דער גאַנצער וועלט איז דאָ עפּעס. אָבער דערציילט אונדז וועגן אײַער שיל דאָרט, כ'בין געווען צוויי מאָל אויף אַ שבת אין דער פֿרי, און ס'איז געווען זייער אינטערעסאַנט. וויפֿל ייִדן קומען זיך צוזאַמען דאָרט?

**ג.ק.**: אויף אַ געוויינטלעכן שבת טרעפֿן זיך דאָרט צווישן 60 און 100 מענטשן, אפֿשר אַ ביסל מער ווי מיט צען יאָר צוריק, גאָט זײַ דאַנק!

**מ.ק.**: און דאָס ייִנגערע דור אינטערעסירט זיך מיט ייִדיש אָדער נישט?

**ג.ב.**: מער ווי פֿריִער, ס'איז זייער אינערעסאַנט: ס'איז יעצט דאָ אַ ייִדיש-טעאַטער גרופּע, אַזאַ האָט מען ניט געהאַט זינד 70 יאָר. איינער איז דאָ אַ פּראָפֿעסיאָנעלער רעזשיסאָר פֿונעם טעאַטער.

**מ.ק.**: ווי הייסט ער?

**ג.ב.**: זי הייסט פֿרוי חזן (כאַזאַן). און ס'זײַנען געווען פֿאַרשטעלונגען יעדן אָוונט, צוויי וואָכן געשפּילט.

**מ.ק.** : צווייִ וואָכן אַדורכגעשפּילט !
אָבער די שיל האָט מען אויפגעשטעלט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק?

**ג.ב.** : יאָ, מיר האָבן געהאַט גרויסע פֿײַערלעכקייטן. צוויי טעג, ס'האָט זיך געלוינט. ס'איז געווען דער פּרעמיער-מיניסטער, די גאַנצע גרעמיע איז געקומען.

**מ.ק.** : איר האָט גוטע פֿאַרבינדונגען מיט דער רעגירונג דאָרט?

**ג.ב.** : זענען זיי גוט.

**מ.ק.** : און ווי אַזוי זעט איר די צוקונפֿט פֿון ייִדיש הײַנט צו טאָג אויף דער וועלט ?

**ג.ב.** : פֿאַראַן אינטערעסאַנטע שטרעבונגען. קודם כּל, די אולטראַ-אָרטאָדאָקסן איבעראַל וואַקסן זייער שטאַרק. זיי בויען צאָלרײַכע משפּחות : אַכט קינדער, נײַן קינדער...זיי קומען ניט צו אונדז ווײַל די געמיינדע איז צו קליין. און אַ גרויסער טייל פֿון די מענטשן אין זייערע געמײַנדעס רעדן ייִדיש. אָבער ווי עס וועט זיך אַנטוויקלען ווייס מען ניט אַזוי גענוי. אָבער איך מיין, אַז די ייִדישע וועלט האָט אַ גוטע צוקונפֿט, איך זע ניט קיין געפֿאַר פֿון אַ גרויסער אַסימילאַציע. ישׂראלס טעטיקײַט אַנטוויקלט זיך זייער שטאַרק, זי האָט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין אַלע געביטן. צום גליק זײַנען די מתנגדים פֿון ישׂראל זייער ווייניק. איך זע אַ פֿרוכטבאַרע קאָאָפּעראַציע צווישן דעם גלות און ישׂראל, וואָס אַנטוויקלט זיך אייגנטלעך, מיין איך, פּאָזיטיוו. און איך זע עס לויט דעם ייִדיש אין ישׂראל .

---

## אברהם לבנון

### "קאָלירטע פּערל"

לויטן פּנים דאַרף ער זײַן אַ חזן, לויטן קול מוז ער זײַן אַ גרויסער חכם.
לפי הפנים הוא צריך להיות חזן, לפי הקול הוא חייב להיות "חכם גדול".
He looks like a cantor and sounds like a real genius.
A sa tête, il doit être chantre; à sa voix, il doit être un “grand docteur”.

ער איז אַ גרויסער נאַר: וואָלט חוץ מיר קיינער ניט געוווּסט, איז ער אָבער אַ חזן, ווייסט די גאַנצע קהילה.
הוא שוטה גדול: לוּ חוץ ממני אף אחד לא ידע, אבל הוא חזן, יודעת כל הקהילה.
He’s a real fool. I should be the only one to know, but he’s a cantor, so the whole community knows.
C’est un grand sot: Dieu veuille que nul à part moi ne le sache; mais il est chantre à la synagogue et toute la communauté le sait.

קהל גיט תכריכים דעם אָרעמאַן, און ערד אַ שפּאַן.
הקהילה נותנת לעני תכריכים, ו"קרקע" צעד.
The congregation gives the pauper his shroud, and the earth gives a stretch.
La communauté donne au pauvre un linceul et une toise de terre.

אַז מע האָט ניט וואָס צו טאָן, נעמט מען זיך צו קהלשע זאַכן.
כשאין מה לעשות, מתעסקים בענייני הקהילה.
With nothing to do, one gets involved in community affairs.
Quand on n’a rien à faire, on s’occupe des affaires de la communauté .